בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' לך לך | ד' חשון | תשע"א | סוטה ל"ה:

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב'. נאכ'ן דאווענען זענען די אריבער 200 בחורים תלמידי הישיבה – שיעור ב' אריבערגעגאנגען שלום נעמען פון מרן רבינו שליט"א, און דערנאך איז דער רבי שליט"א געגאנגען צום ברית פון בן הנולד להר"ר יואל עקשטיין הי"ו ר"מ בישיבתיה"ק ביי אים אין שטוב.

היינט נאכט וועט זיין זמן כניסה ביי מרן רבינו שליט"א בביתו נאוה קודש אין וויליאמסבורג פון 8:00 ביז 11:00 אויפדערנאכט.

פארגאנגענעם זונטאג איז געווען באשטימט ספעציעל פאר בחורים פון קרית יואל אריין צו טראגן פאר רבינו שליט"א דאס געלט וואס זיי האבן געשאפן משך די ימי בין הזמנים לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק, צענדליגער בחורים האבן אויס גענוצט די געלעגענהייט מהנה צו זיין רבינו שליט"א וואס האט געהאט א געוואלדיגער קורת רוח צו זעהן ווי די בחורים האבן א געפיל פאר אונזערע הייליגע מוסדות בארה"ק, היינט דינסטאג איז באשטימט פאר די בחורי חמד תלמידי ישיבתינו הק' פון וויליאמסבורג אריין צו טראגן זייער יטב לב געלט.

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.